# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

פרשת ויקרא, ג׳ ניסן, שנת תשפ״ג לפ״ק

שנה 12, גליון 26 (596)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:53
מוצאי שב״ק....................8:25

**שיעורים כסדרן**
נ״ך............שיר השירים ד׳-ה׳
בבלי..........................נזיר ס״א
ירושלמי...................דמאי כ״ז
תוספתא..............סנהדרין י״ד
רמב״ם....................ממרים ה׳

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקְרָא אֶל משֶׁה, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" פַארְוָואס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט וַיִּקְרָא מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף? דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִין; גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב א׳, כ"א) "ה׳ נָתַן וַה׳ לָקָח יְהִי שֵׁם ה׳ מְבֹרָךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן אוּן דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶס צוּרִיק גֶענוּמֶען, זָאל דֶער נָאמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט. אָבֶער אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסוּרִים, וָואס דָאס מוּז דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְן אִין דִי בֵּיינֶער, אִיז עֶס אָבֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

דֶער עִיקָר צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט, אִיז נָאר וַוייל עֶר טְרַאכְט אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, אַז סְ׳אִיז אַ טֶבַע, מִקְרֶה, אוּן מַזָל. אוּן דָאס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד, דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן יִסוּרִים אִין זַיין לֶעבְּן, וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גוּט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זַיין קָאפּ אַז גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, מִיט דֶעם וָואלְט עֶר מַמְתִּיק גֶעוֶוען אַלֶע דִינִים פוּן זִיךְ, אוּן עֶר וָואלְט זֵייעֶר גְרִינְג גֶעקֶענְט אָנְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקְר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט "עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם "**אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם**" - **דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶס "וַיִּקְרָא"** - "**עֶר הָאט גֶערוּפְן**", עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

רַשִׁ"י זָאגְט, "**הַקּוֹל הוֹלֵךְ וּמַגִּיעַ לְאָזְנָיו וְכָל יִשְׂרָאֵל לֹא שׁוֹמְעִין**", דֶער קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט. דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן אִיד, דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ אִיד, זֶענֶען דִי קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן נְבוּאָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶפֶּעס מְרַמֵז זַיין פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ב) אַז פוּן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט שְׁרֵייט אַרוֹיס דֶער קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וְוִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אוּן שְׁפִּירְן אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דֶעם אַז עֶר קֶען שְׁטֵיין צְוִוישְׁן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער הֶערְט גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס רוּפְט צוּ אִים.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, וִויסְן אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, מִיר וֶועלְן אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן גְרִינְגֶערְהֵייט, אוּן עֶס וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא ב)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### מְ׳בֶּעט, מְ׳שְׁרֵייט, אוּן מְ׳רֶעגְט זִיךְ

דִי מִדָה פוּן וַתְּרָנוּת, צוּ מְוַותֵּר זַיין אוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אִיז גָאר אַ גוּטֶע אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זַאךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ אַיינְצוּקוֹיפְן דִי וִויכְטִיגֶע מִדָה, וֶוער עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, סֵיי וֶוען מְ׳הָאט צוּטוּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צִי וֶוען מְ׳הָאט צוּטוּן מִיט שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה, מִיט אִידְן אִין שׁוּל, אָדֶער מִיט סֵיי וֶועמֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ׳הָאט צוּ טוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַארְף מֶען אַלֶעמָאל מְוַותֵּר זַיין. וֶוער עֶס אִיז מְוַותֵּר - דֶער גֶעוִוינְט.

בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד דִי מִדַת הַוַתְּרָנוּת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע׳עֲקְשְׁנְ׳ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז מְ׳זָאל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי אַלְץ

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, טְרַאכְטְס נִישְׁט אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת; דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת בְּרֶענְגְט נָאר וֵוייטָאג, טְרַאכְטְס ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר, נֶעבְּן מִיר׳, טְרַאכְטְס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן אֵייעֶר קוֹל וְוִי אִיר בֶּעט אִים. אַרְבֶּעטְס אוֹיף שִׂמְחָה, דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן אַז מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג קֶען מֶען אַלֶעס הָאבְּן אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט.

דִי נַארִישֶׁע פַארְטֶעמְפְּטֶע טֶערֶעפִּיסְטְן הָאבְּן אַ וֶועג וְוִי מֶער מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְאַמָאל טְרַאכְטְן פוּן זַיין אַלְטֶע וֵוייטָאג, עֶס אִיז בַּיי זֵיי אַ גַאנְצֶע זַאךְ וְוִי מֶען קֶען מַאכְן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל חַזְרְ׳ן אַלְטֶע וֵוייטָאג. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיךְ הָאבּ לִיבּ וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן מֶען בַּאנֵייט זִיךְ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

פַארְגֶעסְט פוּן דִי אַלְטֶע וֵוייטָאג, הוֹיבְּט אָן פוּנְדָאסְנַיי, אוּן בֶּעטְס אוֹיף שִׂמְחָה. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶע אַלְטֶע וֵוייטָאג"; וֶועט אִיר זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תשפ"ג)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי קְרַאךְ פוּן דִי בֶּענְק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ' אָדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט טוּט זִיךְ אִין דִי נַייעֶס, צְוֵויי בֶּענְק הָאבְּן גֶעקְרַאכְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן וִוי צוּם טוֹיט, דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה זַייעֶרֶע אִיז צֶעפַאלְן; מֶען לֵייגְט זִיךְ אַוֶועק גֶעלְט אִין בַּאנְק, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן בַּאנְק אָדֶער אוֹיף דִי רֶעגִירוּנְג אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע אִיז גָארְנִישְׁט דָא, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם אָן אַ קָאפּ.

יֶעצְט זֶעט מֶען מַמָשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "הָעוֹלָם הַזֶה מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי", דִי וֶועלְט נַארְט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק, "שֶׁמַרְאֶה אֶל הָאָדָם כְּאִלוּ הוּא מַרְוִיחַ בְּכָל פַּעַם", עֶס זֶעט אוֹיס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי עֶר פַארְדִינְט גֶעלְט, "וּבַסּוֹף אֵינוֹ כְּלוּם", אוּן בַּיים סוֹף זֶעט מֶען אַז מֶען הָאט גָארְנִישְׁט. "כַּאֲשֶׁר נִרְאֶה בְּחוּשׁ בְּרֹב בְּנֵי אָדָם", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט דָאס קְלָאר בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן, "שֶׁעוֹסְקִים וְעוֹבְדִים יָמִים וְשָׁנִים בִּסְחוֹרוֹת וּמַשָּׂא וּמַתָּן", וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט בִּיזְנֶעס אוּן גֶעשֶׁעפְטְן, "וּלְבַסּוֹף כְּשֶׁבָּאִין לְחֶשְׁבּוֹן אֵין נִשְׁאָר בְּיָדָם כְּלוּם", אוּן בַּיים סוֹף זֶעט מֶען אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, "וְאִם אֲפִלּוּ מַשִּׂיג מָעוֹת לוֹקְחִין אוֹתוֹ מִן הַמָּעוֹת", אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט יָא עֶפֶּעס פַארְדִינְט גֶעלְט, נֶעמְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועק פוּן דִי גֶעלְט, "וְהַכְּלָל: שֶׁשְּׁנֵיהֶם אֵין לָהֶם קִיּוּם בְּיַחַד, דְהַיְנוּ הָאָדָם עִם הַמָּעוֹת", וַוייל בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם בְּלַייבְּן נִישְׁט, "רַק אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי גֶעלְט, "וּמֵעוֹלָם לֹא נִמְצָא שֶׁיִּשָּׁאֵר אֶחָד עִם הַמָּעוֹת, רַק כַּנַּ"ל", עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אִין דִי וֶועלְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בְּלַייבְּן מִיט זַיין גֶעלְט.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אַז דִי גֶעלְט אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אוּן רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז אוֹיבּ דִי רֶעגִירוּנְג וֶועט קוּמֶען רַאטֶעוֶועןדִי בַּאנְק - דֶעמָאלְט זֶענֶען מִיר יָא פַארְזִיכֶערְט; פַארְזִיכֶער זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֵויי אוּן בִּיטֶער וֶוער עֶס פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אוֹיף גֶעלְט, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דִי רֶעגִירוּנְג אוֹיסְקוֹיפְן דֶעם בַּאנְק אוּן רַאטֶעוֶועןאַלֶע דֶעפַּאזִיטְס, וָואס וֶועסְטוּ טוּן מָארְגְן וֶוען דִי רֶעגִירוּנְג וֶועט אַיינְפַאלְן? וואוּ וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט לוֹיפְן?

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין אִים, עֶר לֵייגְט אַוֶועק אִין סֶעיִוִוינְגְס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין קְרַאכְן; דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ - דָאס בְּלַייבְּט אֵייבִּיג.

דַאוֶונְסְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס - אָן מִנְיָן, נוּ וָואס וִוילְסְטוּ? פוּן וואוּ זָאל קוּמֶען דִי שֶׁפַע? פוּן וואוּ זָאל קוּמֶען דִי פַּרְנָסָה?! מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - בְּרֶענְגְט שֶׁפַע".

גֵיי דַאוֶוען מִיט מִנְיָן, זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דֶעם - וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶוענֶען; וֶועסְטוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע קְרֶענְק.

וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת, וֶועסְט זֶען; אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען - וֶועט זִיךְ גִיסְן בַּיי דִיר שֶׁפַע אוּן דוּ וֶועסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֻצָּתוֹ אֱמוּנָה וַיַקְהֵל-פְּקוּדֵי תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ וָואס יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אָבֶּער אַלֶעמָאל אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מְ'זָאל אִים בַּאדִינֶען פַאר אוּמְזִיסְט, אֲפִילוּ וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעוָואלְט בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעדוּנְגֶען אַ שַׁמָשׁ וָואס זָאל אִים בַּאדִינֶען, אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעצָאלְט אַ גֶעהַאלְט.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פוּל מִיט רוֹיךְ. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעלִיטְן פוּן אַ לוּנְגֶען אַנְטְצִינְדוּנְג, וָואס רוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם מַמָשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזֶען אַז דָאס קוּמְט פוּן עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיוְון, עֶר הָאט עֶס גְלַייךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִירְן אוּן פֶענְסְטֶער אַז דִי הוֹיז זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן. דֶער שַׁמָשׁ אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אוּן גֶעדְרִימְלְט, אוּן דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג, פַארְוָואס עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען צָאלְט אִים דָאךְ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי לַיידְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אוּן דָא זִיצְט עֶר אוּן עֶר דְרִימְלְט?!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעוֵוייניג צוּם רֶבִּי'ן, אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׁמָשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן אוֹיסְלוּפְטֶערְן דִי שְׁטוּבּ. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בֶּעט מֶען, דִי צְוֵוייטֶע מָאל שְׁרֵייט מֶען, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ; אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי דְרִיטֶע, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע"...

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֵיינְט עֶר אַז עֶר וֶועט יֶענֶעם גוּט אַרַיינְזָאגְן אוּן מִיט דֶעם וֶועט זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דָאס קֶען אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַחְלוֹקֶת פוּן וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט נָאר לַיידְן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאךְ שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט.

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת קוּמְט צוּנִיץ אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן. אֲפִילוּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְלַאנְגְט פוּן זִיךְ מֶער פוּן וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס. דַארְף מֶען זַיין אַ וַתְּרָן אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, אוּן וִויסְן אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ טוּן אַלֶעס וָואס מֶען וִויל. פַארְקֶערְט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיפְקוּקְן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל, אוּן אַרַיינְכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיךְ דִי וִוִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין אַ וַתְּרָן, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי, דֶער מַאן אָדֶער דִי וַוייבּ, וִוילְן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, נָאר זֵיי רוֹדְפְ'ן דֶעם צְוֵוייטְן בִּיזְ'ן סוֹף, דַאן וֶועט פַּאסִירְן אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אָדֶער וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער וֶוערְן אַזוֹי צֶעדְרִיקְט אוּן צֶעקְלַאפְּט בִּיז עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען צוּזַאמְבְּרָאךְ, אָדֶער וֶועלְן דִי קְרִיגֶערַייעֶן פִירְן צוּ אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיף בֵּיידֶע פֶעלֶער וֶועלְן בֵּיידֶע לַיידְן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע וֶועלְן לַיידְן דִי קִינְדֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין פִילֶע צָרוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער, כָאטְשׁ וָואס מֶען דַארְף טַאקֶע מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי לֶערְנֶען דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף דָאס אָבֶּער צוּגֵיין אוֹיךְ מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן וַתְּרָנוּת, וַוייל אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עֶקְסְטְרֶעם, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁכֵנִים זֶעט מֶען דָאס גָאר שְׁטַארְק, אַז נָאר מִיטְ'ן מְוַותֵּר זַיין קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין. מֶענְטְשְׁן צוּקְרִיגְן זִיךְ מִיט דִי שְׁכֵנִים פַאר קְלֵיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם מִיסְט זֶעקְל דָא אָדֶער דָארְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַאכְן אִינְדְרוֹיסְן נִישְׁט וואוּ עֶר וָואלְט עֶס גֶעדַארְפְט צוּ לֵייגְן, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע קְלֵיינֶע זַאכְן. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט אַ שָׁכֵן דַארְף מֶען זַיין גוּט, מֶען וואוֹינְט דָאךְ אִין אֵיין הוֹיז מִיט יֶענֶעם, טִיר בַּיי טִיר, אוּן פוּן זַיין

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

צֶעקְרִיגְט וֶועט נָאר אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס פַאר בֵּיידֶע. מִיט דֶעם וָואס מֶען מְוַתֵּר זַיין פַאר יֶענֶעם, וֶועלְן בֵּיידֶע נָאר פַארְדִינֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַתֵּר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר זוּכְט נָאר אַז יֶענֶעם זָאל זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֵיין אוֹיךְ גֵיין גוּט, אוּן פַארְקֶערְט אֵיינֶער וָואס זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה אוּן נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס, דֶעם וֶועט פַאר אִים אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זַיין גוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ וַתְּרָן)

<<<<<< נייעס

יו"ט פאר אומצאליגע פאמיליעס.

מער ווי אלע יארן ביז יעצט, איז היי יאר קריטיש וויכטיג די נדבות, ווייל אפילו מיטל-קלאס פארדינער קענען אויך נישט דעקן דעם יו"ט, צוליב די שארפע אינפלאציע וועלכע בוזשעוועט. ווי מיר זענען אלע עדות עס טאג טעגליך, ספעציעל אין די גראסערי, ווי מען ווערט יעדע וואך פריש שאקירט מיט וויפיל די פרייזן זענען געשטיגן, און צו קענען איינרישען א יו"ט מיט אזעלכע פרייזן אן די הילף און תמוכה פונעם בית התבשיל איז כמעט אוממעגליך.

די הנהלת בית התבשיל איז געזעסן מיטן ראש ישיבה שליט"א און דורכגעאנגען וואס מ'קען טון ארויסצוהעלפן, דער ראש ישיבה האט געבעטן די הנהלה פונעם בית התבשיל זאל שאפן לכל הפחות $75,000 וואס דער ראש ישיבה שליט"א וויל אליינס פארטיילן אין גראסערי פאר די אלע משפחות וואס ער ווייסט אז זיי נויטיגן זיך דערין.

ווי אויך האט דער ראש ישיבה געבעטן דעם בית התבשיל צו ארראנדזשירן גרויסע חלוקות אויף יום טוב פסח וואו מען זאל פארטיילן לכל הקהל הקודש בהרחבה פלייש, פיש, פאטעיטעס, גרעיפ דזשוס, אייער, צוויבל, און נאך אסאך זאכן עס זאל זיין פון וואס צו מאכן דעם יום טוב אין שטוב. דער ראש ישבה שליט"א האט געזאגט אז די חלוקות זאלן זיין פאר כל הקהל הקודש, כדי זאל נישט זיין קיין בושה, און די וואס דארפן עס זאל קענען נעמען בדרך כבוד.

דאס אלעס עס ציעט אריין אין אומגעהויערע הוצאות. און מען בעט ווער עס קען זאל נעמען א חלק. ווייל די קאסע איז ממש ליידיג, און מען דארף ריזיגע סכומים פאר די אלע גרויסע פראיעקטן. ביטע רופט אייך אן ווארעם און רופט דעם גבאי ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אויף 845-637-5367.

נעמט אייך אונטער א גאנצע משפחה אויף יום טוב פאר $1,800, אדער פאר $360 קענט איר האבן דעם ליל הסדר פאר א משפחה אויף אייער זכות, און פאר $180 קענט איר באצאלן א סעודת יום טוב פאר א משפחה. עס מוז היי יאר געשאפן ווערן לכל הפחות $75,000 צו קענען נאכקומען די אלע גרויסע חסד פראיעקטן און זיכער מאכן אז יעדע שטוב איז פארזארגט מיט אלע הצטרכות לכבוד פסח הבעל"ט.

מיר ווענדן זיך צום ברייטן ציבור אנשי שלומינו: העלפט אונז ארויס אין די הייליגע קריטישע ארבעט! און בשכר זה זאל אייך דער רבוש"ע באשערן מיט עושר ואושר, אך טוב וחסד כל ימי חייכם, איר זאלט זיך שטענדיג געפינען אויפ'ן צד הנותן און קיינמאל נישט דארפן צוקומען לידי מתנת בשר ודם, מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן אינאיינעם, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בירושלים הבנויה.

**עולם חסד יבנה!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרוֹיס דִי פוֹילְקֵייט פוּן מַיין וַוייבּ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר פֵיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיט אַ וואוֹילֶע אוּן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, אָבֶּער זִי אִיז שְׁטַארְק גֶעשְׁלָאגְן אִין פוֹילְקֵייט, אוֹיף עֶפֶּעס אַ נִישְׁט נָארְמַאלְן אוֹפָן. אִיךְ קוּם פוּן זֵייעֶר אַ זוֹיבֶּערֶע אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶענֶע שְׁטוּבּ, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וִוי וַוייט פַארְקֶערְט זִי אִיז פוּן דֶעם.

שׁוֹין זַייט מַיין חֲתוּנָה בִּין אִיךְ דֶער וָואס רוֹימְט אוֹיף דִי הוֹיז יֶעדֶע וָואךְ, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶס נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערוֹימְט. אִיךְ וַואשׁ דִי גֶעשִׁיר וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶס בְּלַייבְּן שְׁמוּצִיג אִין דִי קְרַאן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג. אִיךְ גְרֵייט אָן עֶסְן אִין שְׁטוּבּ, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶס קֵיינֶער נִישְׁט צוּגְרֵייטְן. אוֹיסֶער דָאס וַואשְׁן וַואשׁ, טוּט מַיין וַוייבּ כִּמְעַט גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מָאל אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף וָואס זִי טוּט יָא, אִיךְ זָאג אִיר אַ גַאנְצְן צַייט אַז זִי אִיז גוּט אוּן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט אִיר, אוּן אַז עֶס שְׁטֶערְט מִיר בִּכְלַל נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ אוֹיף, אָבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁטֶערְט עֶס מִיךְ יָא זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ אַרַיינְצוּצִיעֶן דִי נַאכְט בִּיז אִין דִי גָאר שְׁפֶּעטֶע שָׁעוֹת אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין עֶרְשְׁט אֵיינְסֶע אָדֶער צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ דִי פַארְדְרֵייטֶע סֵדֶר הַיּוֹם.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן וִוי פְרִיעֶר.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אָדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס לֶעבְּן אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג, מֶען קֶען זִיךְ אָבֶּער גְרִינְג מַאכְן אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער - אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז מֶען הָאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת - קֶען מֶען זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

מִיט גֶעדוּלְד אוּן לִיבְשַׁאפְט קֶענְסְטוּ אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַז זִי זָאל טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, צוּ קוּקְן גוּט אוּן אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן. עֶס אִיז אֶפְשָׁר אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג, אָבֶּער עֶס אִיז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַ גְרִינְגֶערֶע וֶועג וִוי צוּ נֶעמֶען דִי קוּרְצֶע וֶועג אוּן טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ גֶט'ן, אוּן נָאכְדֶעם דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי לַאנְגֶע בִּיטֶערֶע וֶועג.

יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, נִישְׁטָא אֵיינֶער וָואס בַּיי אִים אִיז דָאס לֶעבְּן גוּט אוּן גְרִינְג, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ; נָאר דֶער וָואס אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶערִיבֶּער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי פְרֵיילִיךְ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זוּךְ גוּטְס אִין דַיין וַוייבּ. בּוֹי אִיר אוֹיף, שְׁטַארְק אִיר, זָאג אִיר אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. פַאר יֶעדֶע מָאל וָואס זִי הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער: "בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד", "פוּן דִיר וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין", "טוֹיגְסְט אוֹיף גָארְנִישְׁט" - זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן טוֹיזְנְטֶער מָאל: "בִּיסְט יָא", "פוּן דִיר וֶועט נָאךְ זַיין שֵׁיינֶע זַאכְן", "בִּיסְט אַזוֹי גוּט אוּן אַזוֹי וואוֹיל" - אַזוֹי וֶועט זִי וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דוּ זָאלְסְט נוֹשֵׂא חֵן זַיין בַּיי אִיר, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ; אַזוֹי וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן צְווִישְׁן אַייךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# רֵייניגְן אוֹיף פֶּסַח

יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי אַרְבֶּעט פַּאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן צוּ רֵיינִיגְן אוֹיף פֶּסַח; כָּאטְשִׁיג פוּן אֵיין זַייט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אָבֶער וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִין הִימְל זֶעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דָא בָּזֶה הָעוֹלָם; יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע אָטֶעם וָואס דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן לְכָבוֹד פֶּסַח. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי - דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשְׁרְ'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער יֶעצְט פַאר פֶּסַח מִיט דִי גַאנְצֶע ווירְטְשַׁאפְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַייךְ, אָבֶער פוּן הִימְל קוּקְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן אוּן בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְ'ן גָלוּת.

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט וֶועגְן קִינְדֶער וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן קִינְדֶער וְכוּ' מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פְּלָאג, דֶעמָאלְט קוּמְט אַנְדֶערֶע פְּלָאג"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶס קוּמְט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן מִי גֵייט אַרַיין אִין מִצְוֹות אוּן אִין גוּטֶע זַאכְן. אִין אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט קִינְדֶער.

וֶוען עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער זָאגְט אַרוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אַ וָוארְט פוּן מוֹיל; זָאגְט: "טַאטֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ", וֶועט אַייךְ גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשע"ט)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פסח קאמפיין: אלע איינגעשטעלטע מוזן ווערן באצאלט אויף יום טוב

שטייענדיג געציילטע טעג בעפאר דעם הייליגן און פרייליכן יום טוב פסח, לויפט אין גאנג די פסח קאמפיין אויסצוצאלן אלע איינגעשטעלטע פון די מוסדות בעפאר יום טוב, אז זיי זאלן קענען צוגיין צום פסח מיט רואיגקייט און ישוב הדעת. עס ווערט איבערגעגעבן פון די אפיס פון די מוסדות אז לעת עתה איז מען הונטערשטעליג פעיראל מיט כמעט א פערטל מיליאן דאלער, וואס דאס אלעס דארף ווערן אויפגעטריבן ביי אנשי שלומינו אין די קומענדיגע וואך צוויי. דער חשובער גבאי צדקה מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו זאגט אונז: "עס ליגט אויף אונז א חוב זיכער צו מאכן אז אויף יום טוב זענען אלע וואס ארבעטן פאר די מוסדות פון אל"ף ביז ת"ו באצאלט. זיי אלע דארפן באצאלן זייער לעקטער ביל, זייער מארטגעדזש, זיי דארפן איינקויפן אויף יום טוב. מיר קענען זיי נישט לאזן מער ווארטן!"

מוסדות היכל הקודש אנטהאלט שוין היינט ברוך ה' 5 חדרים, 3 מיידל שולעס, און 2 ישיבות, אויסגעשפרייט אין עטליכע שטעט אין אמעריקע און אין ארץ ישראל. די פעיראל פון די מוסדות שטייט היינט ביי איבער פינף און דרייסיג טויזנט דאלער יעדע וואך. די הנהלה פרובירט מיט אלע כחות אויפצוקומען מיט דאס געלט יעדע וואך, און לייגט א פריאריטעט אויף די מלמדים און טיטשערס אז זיי זאלן ווערן באצאלט אין צייט, אבער יעצט אויף פסח האט דער ראש ישיבה באפוילן אז מען זאל טון וואס מען קען אז אלע זאלן ווערן איגאנצן אויסגעצאלט.

דער ראש ישיבה האט געבעטן אז אפילו די וואס האבן נישט די מעגליכקייט צו געבן אליינס, זאלן גיין נאך געלט ארויסצוהעלפן באצאלן די חובות וואס ער האט פון די מוסדות. דער ראש ישיבה זאגט אז ווען מען העלפט די מוסדות העלפט מען זיך אליינס, מען טוט אים נישט קיין טובה. פארוועם דארף ער די מוסדות אויב נישט פאר אונז און פאר אונזערע קינדער?

דערפאר ליגט אויף אונז א פליכט זיך אנצושטרענגען און זיך באשטייערן מיט וויפיל מען קען נאר, און מיט דעם אראפ נעמען דעם עול פונעם ראש ישיבה, אז ער זאל קענען גיין צום סדר מיט א רואיגע געוויסן, וויסענדיג אז אלע זענען געווארן באצאלט, און ער טראגט נישט קיין פעיראל חובות ווייטער.

שפירט פאר א זכיה זיך משתתף צו זיין צום קמחא דפסחא קאמפיין פון די מוסדות, רופט אדער טעקסט שוין דעם מנהל המוסודות מו"ה אברהם משה שטראסער הי"ו אויף 917-578-0495, אדער דעם גבאי צדקה מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו אויף 845-662-3207, צו געבן אייער ברייטהארציגע נדבה, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון לבו לשמים, ופרוטה ופרוטה מצטרפת.

דער אויבערשטער וועט זיכער באצאלן פון אלעם גוטן פאר אלע נדבנים וואס לאזן זיך קאסטן פאר'ן אייבערשטנ'ס וועגן, צו שטיצן די הייליגע מוסדות וואס לערנט אמונה מיט די קינדער, וואס לערנט די קינדער ליבשאפט צום אייבערשטן און צו זיין תורה.

**אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן!**

***

# בית התבשיל גרייט זיך מיט גרויסע חסד פראיעקטן אויף פסח

ווי עס איז ברייט באקאנט, טוט די הנהלת בית התבשיל היכל הקודש פארטיילן שווערע טויזענטער דאלערן פאר אומצאליגע נויטבאדערפטיגע משפחות במשך א גאנץ יאר כדי עס זאל זיין אין שטוב רואיגקייט און ישוב הדעת.

יעצט פאר יום טוב איז איבעריג ארויסצוברענגען וויפיל עס קאסט אפ א פסח אין א אידישע שטוב, ווען יעדע ריר שלעפט אריין אין אומגעהויערע הוצאות. ליידער אין פילע אידישע שטיבער קען מען נישט נהנה זיין פון דעם עונג יו"ט און פילן דעם זמן חירותנו צוליב דעם שרעקליכן עול הכספי וואס דרוקט אויף די פלייצעס פון דעם ראש המשפחה.

היי יאר איז ליידער דער ליסטע שטארק געשטיגן, און מען מוז שאפן צענדליגע טויזענטער דאלער מער ווי די פארגאנגענע יארן, סיי צוליב די צוגעקומענע נויטבאדערפטיגע און סיי צוליב וואס מיר זענען געצוואונגען צו העכערן די נתינות, כדי צו פארזיכערן אז די נצרכים קענען זיך ערלויבן אויך צו האבן א כשר'ן פרייליכן יו"ט.

דאס אלעס קען נאר אנגיין דורכדעם וואס מיר וועלן אויפטרייבן גרעסערע סכומים פון אלע נדיבי לב, וואס מיט זייער ברייטהארציגקייט און ווארימע געפיל וועלן זיי מקיים זיין דעם "כל דכפין ייתי ויכול", און קויפן זכותים צו העלפן אונזערע אייגענע ברודער, שכנים, קרובים, וידידים אריינברענגען דעם פסח, און דערמיט פארזיכערן אן עונג

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם אלי' פריעדריך** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יחיאל אריה** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## א פרייליכן פסח

**שיעורים, דרשות, נוסח, שיר השירים, סיפורי צדיקים, מסכת פסחים, און נאך, לכבוד דעם פרייליכן יום טוב פסח**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >